UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Yerushalayim Un Roym / Jerusalem and Rome

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/64k7016m

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 92(1)

**Author**
Golomb, Avrum / Abraham

**Publication Date**
1978-10-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

אברהם גאָלאָמב

# ירושלים און רוים

די יידישע געשיכטע איז זייער אַ לאַנגע. זי הייבט זיך אָן ערגעץ פֿאַר די מיצרישע פּיראַמידן און זי גייט ביז הײַנט און וועט נאָך גיין און גיין ווייטער און ווייטער. זי הייבט זיך אָן צוזאַמען מיט דער געשיכטע פֿון די פּאַרצייטיקע, אוראַלטע פֿעלקער, וואָס איז פֿון זיי קיין זכר ניט געבליבן. דאָס איינציקע פֿאָלק פֿון אוראַלטערטום וואָס איז געבליבן איז דאָס יידישע. עס זיינען געווען אַ סך איבערקערענישן אין דער יידישער געשיכטע, זיי אַלע האָט דאָס יידישע פֿאָלק אַליין פֿאַרענטפֿערט, ניט אָנגעקומען צו קיין אַנדערע פֿעלקער נאָך עצות און תרופֿות. דאָס זיינען געווען טיפֿע איבערברוכן אין דער יידישער געשיכטע און איטלעך מאָל זיינען זיי באַגלייט געוואָרן מיט איבערברוכן אין דער פּסיכיק און אין די תורות פֿון יידישן פֿאָלק. זיי האָבן זיך טיף אָפּגעשפּיגלט אין די טעאָריעס פֿון יידישן פֿאָלק און אין זיינע לערנונגען. ווען עס וואָלט געקומען צו אַ באַגעגעניש צווישן אַ הייַנטיקן יידן מיט זיינעם אַן אוראַלטן זיידן, איז אַ גרויסער ספֿק צי זיי וואָלטן זיך געקאָנט פֿאַרשטענדיקן אפֿילו ווען די שפּראַך וואָלט געווען איינע. אַזוי ווייט זיינען די הייַנטיקע יידן פֿון די פּאַרצייטיקע. פֿון דעסטוועגן זיינען מיר איין און דאָס זעלביק פֿאָלק. פֿון בראשית ברא ביז אַ קאַפּיטל תהלים איז זייער אַ ווייטער מהלך; און פֿון אַ קאַפּיטל תהלים ביז אַ סוגיה אין דער גמרא איז אַ ווייטער, גאָר אַ ווייטער מהלך. אַ סך ענדערונגען, איבערקערענישן און דאָך געבליבן דאָס זעלביקע יידישע פֿאָלק. מיט איינער פֿון די איבערקערענישן וועלן מיר זיך פֿאַרנעמען.

עס איז די צייט פֿון דעם אדומי הורדוס. אַ מענטשנס לעבן איז ביי אים קנאַפּ ווערט. ער פֿירט יידישקייט ביד חזקה. די ח כ מ י ם האָבן אים ניט ליב, אָבער זיי שווייגן. זיי פֿאַרנעמען זיך מיט פֿעסטשטעלן דעם איינגעשטעלטן יידישן שטייגער; צי זיי האָבן דאָס געפֿילט צי געוווּסט אויף זיכער — שווער צו זאָגן. אָבער עס גייט אַ לאַנגע און דויערנדיקע אַרבעט: מען שטעלט פֿעסט דעם שטייגער פֿון אַ יידן. ווי עס וואָלט געווען אַ מין נבואה: וועט זיין אַ שטייגער וועט אויך זיין איין פֿאָלק, ווי פֿאַרשפּרייט דאָס פֿאָלק זאָל ניט זיין.

האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע אַרבעט: פֿעסטשטעלן איין שטייגער פֿאַר אַלע יידן, ווו זיי זאָלן ניט זיין. הורדוס בויט אַ פֿעסטע מדינה לויטן רוימישן שטייגער און חז״ל בויען אַן אייביקע יידישקייט לויט זייער פֿאַרשטאַנד. הורדוסעס מדינה איז ביי זיי קנאַפּ באַליבט. ער פֿירט די מדינה לויטן רוימישן שטייגער, אָן רחמנות, און די חז״ל פֿירן זייער תורה, זייער יידישקייט, זייערע ישיבות. עס זיינען ווי צוויי פֿאַרשיידענע ארץ־ישראלס — הורדוסעס און די פֿון די חז״ל. די חז״לס יידישקייט האָט נאָך געהאַט אַ גרויסע שטיצע פֿון דעם ישוב

זי רעדט צו דער וועלט,
דער מרשעת
און שרייט
אַז איך בין
נאָך
צו יונג.

איך לויף
פֿון איין בעט אין אַ צווייטן,
דער שפּיגל
ווערט שיכור
ווי לוט.

און ביידע מיר שפּיגלען
זיך איבער
און ערגעץ דאָרט
לאַכט פֿון אונדז
גאָט.

אין בבל. ניט געווען דאָרט קיין יידישע מדינה מיט קיינע הורדוסן. זיי האָבן זיך געקאָנט אָפּגעבן אין גאַנצן מיט דעם איינ־הייטלעכן שטייגער. בבל האָט ניט גע־שטערט. די פאַרבינדונג מיט ארץ ישראל איז געווען אַ שטענדיקע. אין תורה־יידישקייט, אין פעסטשטעלן יידישקייט לדורות האָט בבל שטאַרק איבערגעוואוגט ארץ ישראל. דעם גרויסן איבערוואָג פון בבל זעען מיר פון די צוויי תלמודים — בבלי און ירושלמי. אין בבל האָט זיך די יידן געלעבט רואיקער ווי אין ארץ ישראל, און די ישיבות דאָרטן זיינען געשטאַנען העכער. בכל אופן האָט דער תלמוד בבלי געהאַט אַ סך אַ גרעסערע השפעה אויף דער אַנטוויקלונג פון יידישקייט ווי דער ירושלמי. בכלל האָט זיך אין בבל איינ־געשטעלט אַ יידיש לעבן און זיך געהאַלטן אַ סך לענגער ווי אין ארץ ישראל. און ביז היינט ווערט דער תלמוד בבלי גע־לערנט אין פאַרגלייך מער ווי דער תלמוד ירושלמי.

דער העלעניזירטער ישוב אין מצרים האָט ניט גענומען קיין אנטייל אין דער יידישקייט וואָס איז אויפגעקומען איצט איבערהויפּט אין בבל און אין ארץ ישראל. דריי צענטראַלע ישובים זיינען דעמאָלט געווען: ארץ ישראל, בבל און מצרים. מצרישע יידישקייט איז אויסגעגאַנגען און איז פאַרגאַנגען, אַסימילירט זיך אין גאַנצן, ניט געלאָזן קיין שום ירושה. געבליבן איז בבל און ארץ ישראל.

אין בבל איז יידישקייט געווען ריינער, אַן וועלכער עס זאָל ניט זיין עלעמענטן פון גאָט־קרבנות. קיין סך צערעמאָניעס זיינען אין בבל בכלל ניט אויפגעקומען. דעריבער איז דער גאָט־געפיל אין בבל געבליבן ריינער ווי אין ישראל, שוין אָפּ־גערעדט מער ווי אין מצרים. טייל צערע־מאָניעס האָבן געמוזט אָפּפאַלן ווייל ניט געווען דאָרט קיין בית המקדש, וואָס איז יאָ געווען אין מצרים. בבלער יידן האָבן זיך אַ סך פריער אָפּגעזאָגט פון קרבנות און אַנדערע שטריכן. די שפּראַך אָבער איז געווען די זעלביקע וואָס ביי די ארץ ישראל יידן. דעריבער האָט געקאָנט זיין אַ שטאַרקערער פאַרקער פון געלערנט־קייט ווי מיט דער נאָענטער מצרים. אין בבל און אין ארץ ישראל איז געווען אין יידישקייט, האָבן געקאָנט געלערנטע גיין הין און צוריק.

אַלץ וואָס עס האָט געלעבט אין יידיש־קייט אין אייראָפּע — אַלץ שטאַמט פון בבל. פון מצרישער יידישקייט איז גאָר ניט געבליבן. בבלער יידן האָבן איינגע־שטעלט דעם טרויער אויפן חורבן, תשעה באָב, און זיך געהאַלטן מיטן זעלבן יידישן לשון ווי די ארץ ישראל יידן — די שפּראַך פון תלמוד; בעת די מצרישע יידן האָבן שוין גערעדט גריכיש און במילא געשטאַנען גייסטיק ווייטער פון יידישקייט. אַ פלימעניק פון דעם גרויסן פילאָן פון מצרים איז געווען אַ גענעראַל אין דער רוימישער אַרמיי, וועלכער האָט שפּעטער גאָר באַלאַגערט ירושלים, גע־קעמפט קעגן ירושלים. איינער אַ יידישער געלערנטער וויל האָבן אַז מצרישע יידיש־קייט האָט ניט געהאַט קיין דויערנדיקע השפעה מחמת אַ פּאָגראָם. אָבער קיין מאָל האָט קיין פּאָגראָם ניט געמינערט קיין יידישקייט. ברוך השם ניט קיין נייעס ביי יידן אַ פּאָגראָם. מצרים איז אויסגע־גאַנגען ניט מחמת דעם פּאָגראָם, נאָר מחמת אַסימילאַציע. די געשיכטע חזרט זיך אָפּט איבער. און די היינטיקע אַמע־ריקאַנער יידישקייט דערמאָנט צו פיל די מיצרישע... הלוואי זאָל זיין אַן אַנדער לוף... מיטן חורבן פון בבל (און פערסיע) אָבער איז יידישקייט לגמרי ניט אונטער־געגאַנגען. די נייע יידישע מדינה אין ארץ ישראל דאַרף ראַטעווען יידישקייט פון אונטערגאַנג אין אַמעריקע.

## וואָס האָבן מיר היינט

מיר האָבן היינט יידישקייט אין ארץ ישראל, אין אַמעריקע און אין אייראָפּע. די יידישקייט פון אייראָפּע איז לאַנג אויס־געגאַנגען. עס דערמאָנט אַן אויסגע־טריקנטן בוים, וואָס האָט שוין לאַנג פאַר־לאָרן זיין שעפערישן בלעטער־קרוין. עס שטייען פאַרטריקנטע שטאַמען און צווייגן. זיי וועלן שטיין ביז זיי וועלן פאַרפוילט ווערן. דאָס איז די יידישקייט פון מערב אייראָפּע. צי איז דאָרטן נאָך מעגלעך אַן אויפלעב? זיכער ניט. עס איז אַמאָל גע־ווען אַ יידיש לעבן אָבער שוין אויס, ניטאָ מער. צרות יידישע קען דאָ גע־

מאָלט זיין, אָבער ניט קיין שעפערישקייט. יידישע שעפערישקייט קען געמאָלט זיין נאָר דאָרט ווו עס איז דאָ יידיש לעבן, אַ יידיש לשון. דאָס יידיש לעבן אין מערב אייראָפּע נאָך דער עמאַנציפּאַציע דערמאָנט צו פיל די יידישקייט אין העלעניזירטן מצרים, וואָס איז אונטערגעגאַנגען און ניט געלאָזט קיין ירושה לדורות. עס בלייבט יידישקייט אין רוסלאַנד און אין מדינת ישראל. אַלץ וואָס איז איצט נאָך לעבעדיק אין יידישקייט שטאַמט פון מזרח אייראָפּע, ריכטיקער — ניט דווקא פון רוסלאַנד, נאָר בפירוש פון תחום המושב, ווו יידן האָבן געלעבט פאַר זיך, באַזונדער, אין די שטעטלעך און אין די שטעט, ריכטיקער — אין די יידישע ראַיאָנען פון די שטעט. אויסער דעם תחום איז אַלע מאָל שווער געווען צו געפינען יידישע אייניקלעך פון גוט־יידישע זיידעס. אַלע יידישע שרייבערס שטאַמען ניט סתם פון מזרח אייראָפּע, נאָר דווקא פון תחום המושב, ווו ס'איז געווען אַ פאַרזיכיק יידיש לעבן. און איצט איז דאָס מער ניטאָ.

דאַרף מען וואַרטן אויף ארץ ישראל? ספקות אַ סך! און דער הויפּט ספק שטאַמט פון דעם צי מיר זיינען בכוח איבערצורייסן דעם גלות. די דערפאַרונג האָט אונדז געוויזן אַז מיר קענען ניט גובר זיין דעם גלות אויף אונדז און דער עיקר אין אונדז. די גמרא דערציילט אין פאָרם פון אגדות די סיבות פון גלות, און זיי אַלע זיינען געווען נישטיקע, דאָס נישט קענען גובר זיין די נישטיקע קריגערייען צווישן זיך, צוליב קליינע פערזענלעכע מאָטיוון. מחמת קליינע קליינלעכקייטן איז געקומען דער חורבן און מחמת ענלעכע קליינלעכקייטן האַלט עס זיך אַזוי לאַנג. פאַרשטייט זיך, אַז געשיכטלעך זיינען די סיבות וואָס די גמרא גיט אָן געווען ניט ריכטיק, אָבער פסיכיש זיינען די חז"ל געווען גערעכט. היסטאָריש איז די מעשה פון קמצא און בר־קמצא בלויז אַ מעשה, אָבער פסיכאָלאָגיש איז דאָס פאָרט ריכטיק: דער חורבן איז געקומען מחמת יידן האָבן זיך בשום אופן ניט געקענט צונויפרידן און ווען רוים האָט באַלאַגערט ירושלים האָבן יידן אין ירושלים זיך געקריגט און געהרגעט צווישן זיך. ווען ניט די פערזענלעכע קריגערייען אינעווייניק, אין ירושלים, וואָלט טיטוס אַזוי גיך ניט געקענט קומען צום נצחון. און איז דען אין דער רוימישער אַרמיי וואָס האָט באַלאַגערט ירושלים ניט געווען אויך אַ יידישער גענעראַל מיט זיין אַרמיי? איז דען ניט דעם יידישן קייסערס אַ שוועסטער געווען טיטוסעס געליבטע? אין ירושלים קריגן זיך יידן צווישן זיך, ממיתן זיך, פאַרברענען דאָס ביסל תבואה דער הונגער זאָל זיין שטאַרקער, און די שוועסטער פון יידישן קעניג פאַרברענגט מיט דעם חרוב־מאַכער פון איר לאַנד, וואָס איז אַריין אין דער יידישער געשיכטע מיט דעם צונאָמען: טיטוס הרשע.

צוויי געשיכטעס האָט געפירט דאָס יידישע פאָלק אין יענער צייט: די פּאָליטיקער, די „בריונים" האָבן געפירט איין געשיכטע, און די אינטעליגענץ, די חז"ל, האָבן געפירט אַ צווייטע געשיכטע. די פּאָליטישע געשיכטע פון דער יידישער מדינה איז געווען אַ פאַרלאָרענע לכתחילה. די חז"ל האָבן די פּאָליטיק פון די „בריונים" ניט מיטגעהאַלטן. זיי האָבן געפירט גאָר אַן אַנדער פּאָליטיק: רוים וויל הערשן אויך איבער ישראל, איבער יהודה — פאַרפאַלן. די מלחמה וועט ניט העלפן, וועט נאָר דערנענטערן דעם חורבן. ניט די יידן קענען און ניט די יידן וועלן אויסהאַלטן אַ מלחמה מיט רוים, מיט דעם „האַמער פון דער גאַנצער וועלט". מען מוז איינבייגן דעם קאַרק און ליידן. די מלחמה מיט רוים איז לכתחילה פאַרשפּילט. אָבער יידן לעבן ניט מיט דעם פיזישן כוח. „אלה ברכב ואלה בסוסים, ואנחנו בשם אלוהינו".

האָט זיך רבן יוחנן בן זכאי אַרויסגעגנבעט פון באַלאַגערטן ירושלים: שוין ניטאָ ירושלים, ער בעט ביים רוימישן ערב־קיסר דאָס דערפל יבנה. טראַכט זיך דער גרויסער רוימער — ווילסט יבנה, נעם זיך דאָס שפלדיקע יבנה. מיר דאַרפן ירושלים, ניט קיין דערפלעך. איז אַוועק רבן יוחנן בן זכאי קיין יבנה און מתקן געווען תקנות. תקנות קעגן רוים?! יאָ, תקנות קעגן חורבן, קעגן רוים! כמעט מיט צוויי טויזנט יאָר שפּעטער האָב איך פאָרנדיק קיין ארץ ישראל, זיך אָפּגע־

שטעלט אין רוים. אַ פירער האָט דערציילט און געוויזן די חורבות פון אַמאָליקן רוים. דאָס פּאַרצייטיקע רוים ליגט אין חורבות און אַ ייד פון אַ וויטן לאַנד פאָרט קיין ארץ ישראל. „פאָרט אַ ייד קיין ארץ ישראל, פּאָרט ער איינגעבויגן, שטעלט ער זיך אָפּ אין רוים, גלייכט ער אויס דעם רוקן...

רוים האָט חרוב געמאַכט ירושלים, די ערדישע ירושלים קען רוים חרוב מאַכן. פאַראַן אָבער אַ צווייטע ירושלים, וואָס קיין רוים קען ניט חרוב מאַכן און די ירושלים איז צוויי טויזנט יאָר געווען חרוב. „אַ לאַנד אַז זי ווערט חרוב, קומט אַ פּאָלק און בויט עס אויף"— האָט אַמאָל געשריבן אחד העם.

## די מורא פאַר גאָט

פאַראַן אין העברעיש 2 ווערטער: פחד און מורא. ביידע פאַרטייטשן מיר די זעלביקע. פחד איז שרעק און מורא איז שרעק. עס איז אָבער אַ גרויסער אונטערשייד צווישן ביידע באַגריפן: מורא האָט מען פאַר גאָט, פחד האָט מען פאַר אַ גזלן. מורא איז אַ געזונטער געפיל, וואָס לאָזט ניט טאָן קיין שלעכטס. פחד האָט מען פאַר רשעים. מורא היט דעם מענטשן אָפּ פון טאָן אומרעכט. פאַראַן אַ ווונדערבאַרע גמרא וואָס זאָגט: ווען ניט מורא פאַר גאָט וואָלט דאָס שוואַכע יידישע פאָלק קיין קיום ניט געהאַט. ווען אַ ייד טוט עפּעס אַ צווייטן יידן פרעגט מען אים: „און פאַר גאָט האָט איר גאָר קיין מורא ניט?" מורא האַלט אָפּ דעם מענטש פון שלעכטס טאָן. פחד האָט צו דעם קיין שייכות ניט. מיר זאָגן אַז אַזאַ אַלט פאָלק ווי דאָס יידישע וואָלט איצט געדאַרפט זיין גרעסער, צאָליקער. מיר זיינען ניט מער, ווייל די יידן זיינען שוואַך און מיר האָבן אין אייראָפּע אַלע מאָל געדינט ווי אַ זייער באַקוועמער אָביעקט פאַר דעם רציחה־אינסטינקט, שלאָג־אינסטינקט פון פעלקער. פעלקער האָבן געהאַט פאַרגעניגן צו טאָן שלעכטס די יידן. אַ קאַץ, אפילו אַ זאַטע, וועט טויטן אַ מויז און אַוועקוואַרפן, נאָר כדי צו באַפרידיקן דעם אייגענעם רציחה־אינסטינקט. פעלקער פלעגן אָפּט זיך באַגיין ניט בעסער מיט יידן. נאָך גאָר ניט לאַנג פלעגן פּוילישע סטודענטן זיך דזשעקעווען איבער יידן סתם אַזוי, פון פאַרגעניגן וועגן, ווייל יידן זיינען שוואַך און זיי, סטודענטן, דאַרפן אַ שוואַכן אָביעקט זיך פריילעך צו מאַכן. איבערהויפּט ווען מען איז נאָך געווען שיכור.

זיינען אין מיטלאַלטער געווען אינקוויזיציעס „הייליקע" כדי צו מאַכן יידן ווייטיק, כדי זיי צו ברענען אויף אַלע הייליקע און אומהייליקע פייערן. און אַ גרויסער יום־טוב פלעגט עס זיין פאַר אַלעמען: אי דעם אייגענעם רציחה־אינסטינקט אָנגעזעטיקט, אי אַ מצוה פאַרדינט! גאָט געדינט מיט טייטן יידן, פאַרברענען זיי אויפן פייער און אַלע פרומע קריסטן פלעגן הנאה האָבן קוקנדיק ווי לעבעדיקע מענטשן ברענען אויף די „הייליקע" פייערן פאַר גאָט. און זייער גאָט איז אַ גוטער, ניט דער בייזער און שלעכטער יידישער גאָט. ווער זאָגט עס אַז גאָט האָט פיינט מענטשלעכע קרבנות? עס קלינגען די קלויסטערס, עס זינגען אַלע הייליקע פסוקים פון אונדזער יידישן תהלים. אַ גרויסער יום־טוב פאַר גאָט, מען וועט ברענען פאַרשאָלטענע יידן פאַר גאָט. אָט פירט מען זיי, צעבראָכענע גלידער, די אינקוויזיציע האָט זיי געפייניקט, די פון גאָט פאַרשאָלטענע יידן. איז אָט וועט מען זיי פאַרברענען לויטן דין און משפט, פאַר דעם הייליקן און גוטן גאָט...

און יידן האָבן דאָס אַלץ אויסגעהאַלטן, אויסגעהאַלטן און געבליבן דאָס איינציקע פאָלק פון אוראַלטערטום, וואָס איז געבליבן. פאַראַן אַ גמרא וואָס זאָגט, אַז גאָט האָט געזען די אייראָפּעישע פעלקער זייענען צו שלעכט, האָט ער זיינע קינדער, די יידן, פאַרטריבן צו די אַנדערע פעלקער (איך געדענק ניט ווו די גמרא איז). די אייראָפּעישע בייזע פעלקער האָבן זייער חלק יידיש בלוט סיי ווי באַקומען. אַלע האָבן זיך אָנגעזעטיקט מיט יידיש בלוט. און צי איז שוין אונדזער מאָס געענדיקט? ווער ווייסט זיי?

זיינען אין דער צייט פון הורדוסעס הערשאַפט איבער יידן געווען צווייערליי זאָרגן וועגן דעם קיום פון יידישן פאָלק:

די מלוכה; דאָס איז געווען אַן אַלגעמיינער וועג. אַ שטאַרקע, אַ מעכטיקע רעגירונג, וואָס אַלע וועלן פאַר איר מורא האָבן, אַזאַ מדינה וועט קענען אויסהאַלטן. דאָס איז דער רוימישער וועג. די מדינה איז דער ציל. איר קיום איז דער עיקר... דאָס איז דער רוימישער וועג. יידן האָבן וועגן דעם אפילו ניט געקענט חלומען. די חז"ל האָבן לכתחילה מוותר געווען אויף דער מלוכה, אַ מדינה מיט הורדוסעס דינאַסטיע — מוחל. אָבער אויסער דער מדינה איז נאָך דאָ אַ יידיש פאָלק. אָט פאַר אים, פאַרן פאָלק, איז די זאָרג. קען דאָס פאָלק האָבן אַ קיום אָן דער מדינה? האָבן די חז"ל געענטפערט — יאָ! דאָס פאָלק קען האָבן אַ קיום אפילו אונטער רוים. אַ קיום מיט וואָס? מיטן שטייגער! האָבן חז"ל גע־גלויבט ניט אין הורדוסעס דינאַסטיע נאָר אין שטייגער פון יידישן פאָלק. כל זמן עס וועט זיין איין שטייגער וועט אויך זיין איין יידיש פאָלק. האָבן חז"ל געזאָרגט וועגן דעם שטייגער, אַז ווען אַ ייד זאָל זיין אפילו אין אַן אַנדער וועלט, זאָל ער קענען און וועלן דעם יידישן שטייגער. פאַר זיי האָט אַ טעאָרעטישע יידישקייט כמעט ניט עקזיסטירט. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער תלמוד. חלומות האָבן גע־זיגט. ניט דער תנ"ך מיט זיינע שיינ־קייטן נאָר דער אַלגעמיינער שטייגער וועט פאַרבינדן דאָס פאָלק אין איין גאַנצקייט.

וואָס איז פאָלק? דאָס איז אַ גרופּע מענטשן וואָס האָבן איין שטייגער, איין פירונג אַ גאַנצן טאָג. ניט מדינה, ניט אַ קייסער, נאָר דער איינער שטייגער פאַר־בינדט די מענטשן אין איין פאָלק.

זיינען ביי יידן געוואָרן צוויי ריכטונגען: איינע, אַ שטאַרקע מדינה וועט אויפהאַלטן דעם קיום פון פאָלק. דאָס איז דער רוי־מישער וועג. און אַ צווייטע ריכטונג: איין פאָלק און איין שטייגער. דעריבער איז די איינהייט פון שטייגער דער וויכטיק־סטער שומר פון יידישן פאָלק. כל זמן עס וועלן זיין יידן וואָס היטן דעם באַ־שטימטן איינהייטלעכן שטייגער וועט אויך זיין איין פאָלק ישראל. די מדינה מיטן קייסער — יאָ אָדער ניט, נאָר דער שטיי־גער איז דער סימן פון פאָלק. ווען אַלע יידן אין דער גאָרער וועלט וועלן אין איין צייט לייענען קריאת שמע, שפּרינגען קדוש און אין איין צייט פון טאָג זיך שטעלן צו כל נדרי און לייענען די תורה מיט איין ניגון אין דער גאַנצער וועלט, וועט קענען זיין איין יידיש פאָלק אין דער גאַנצער וועלט.

די חז"ל האָבן ניט געהאַט קיין מנהג צו דערקלערן זייער פירונג, זייערע מנה־גים. פון זייערע איינפירונגען פאַרשטייען מיר זייער געדאַנקען־גאַנג. די גאַנצע גמרא הייבט זיך אָן מיט: „מאימתי קורין את שמע?" קיין מער וויכטיקע פּראָבלעם האָבן די חכמי התלמוד דאַן ניט געקענט געפינען? די צייט איז דאָך געווען גאָר אַ ביטערע. קענטיק אָבער, אַז די חז"ל האָבן דאָס געהאַלטן פאַר גאָר וויכטיק פאַרן קיום העם. און אַזוי גייט דער גאַנצער תלמוד. שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר ווי יידן האָבן געלעבט מיטן תלמוד, מיט אָט די פּראָבלעמען. אָדער מען פלעגט אַליין לערנען אָדער אַ רבי פלעגט לערנען מיטן עולם. און וואָסער ייד האָט עס ניט געקענט אַ פרשה חומש מיט רש"י? און בסך הכל איז עס דאָך געווען גאָר דאָ ניט לאַנג אין אונדזער זכרון. מיר האָבן געלעבט פאַר זיך, אין ריין־יידישע שטעטלעך. מיר זיינען איצט, ערשט איצט געוואָרן אויסגעמישט מיט אַנדערע פעלקער.

ביים אָנהייב פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע פון 1917, ווען מיר האָבן גערופן די ערשטע אַלגעמיינע פאַרזאַמ־לונג פון אַלע יידישע לערערס אין גאַנץ רוסלאַנד, די ערשטע און לעצטע פאַר־זאַמלונג, ווען עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן צוויי פאַרבאַנדן — דעם העב־רעישן „המורה" און דעם יידישן „דער יידישער דעמאָקראַטישער לערער פאַר־באַנד" — ווער האָט זיך דעמאָלט געקענט פאָרשטעלן אַז אין זעכציק יאָר אַרום וועט אין רוסלאַנד ניט זיין קיין איין שול אויף יידיש, קיין איין יידישע שול ניט! אַז דער יידישער ישוב אין רוסלאַנד וועט באַשטיין פון יידן וואָס ווילן אַנטלויפן פון דאָרט, אָדער פון יידן וואָס וויסן שוין גאָר ניט פון זייער יידישקייט. קענטיק אַז באַשערט יידן איז רוסלאַנד צו לייַדן און ניט אַרויס־קריגן זיך פון די ליידן. אַ מערכה עס איז

אויפגעקומען מדינת ישראל און זי וועט אפשר דעקן וואָס עס פעלט אונדז. ווער ווייסט? אַ מאָדנע זאַך מיט יידן, ווי עס ווערט זיי עטוואָס פרייער פאַרגעסן זיי פון יידישקייט. און ווי עס גייט אונטער די גאַנצע יידישקייט דעמאָלט דערמאָנען זיי זיך אַז זיי זיינען יידן. אָבער אָפט איז עס שוין צו שפּעט...

אַט איז אין אַמעריקע איצט כמעט אַ העלפט פון גאַנצן יידישן פאָלק. אַ גרויסער טייל פון זיי איז שוין אין גאַנצן אָפּגעפרעמדט פון יידישקייט. פאַרקערט, זיינען פאַראַן יידן, און דווקא אַ גרויסער טייל פון פאָלק, וואָס ווייסן בלויז אַז זיי שטאַמען פון יידן. דאָס איז זייער גאַנצע יידישקייט. אַנדערע טיילן ווייסן און ווילן וויסן נאָר די יידישקייט וואָס איז פאַרשריבן אין „שולחן ערוך" מיט פיר הונדערט יאָר צוריק. וואָס עס איז פון שפּעטער ווילן זיי ניט וויסן און ניט קענען. אַז יידישקייט איז אָרגאַניש און גייט מיט דעם יידישן פאָלק פון אָרט צו אָרט און פון צייט צו צייט, ווילן זיי ניט וויסן. ביי זיי איז רעכט, אַז וואָס חז"ל האָבן געשריבן מוז שטימען מיט דעם וואָס עס זאָגן די חכמי המשנה. זיי ווילן ניט וויסן וואָס די חז"ל זאָגן בפירוש: „אילו נתנה תורה, התורה לא היתה לרגל עמידה", אַז די תורה מעג מען צוגעבן און מחדש זיין, מען טאָר ניט אָפּשניידן די תורה! מען טאָר ניט ענדערן אין דער תורה קיין וואָרט, קיין אות, פון דעסטוועגן האָבן זיך די חז"ל בסדר פאַרנומען מיט מחדש זיין חידושים אין דער תורה. און דער גרעסטער צווישן זיי איז געווען רבי עקיבא, וועלכער האָט אַזוי פיל מחדש געווען, אַז די גמרא דערציילט וועגן אים: גאָט האָט געמאַכט פאַרשיידענע באַפּוצונגען אויף די ווערטער פון דער תורה, און ווען משה פרעגט אים, צו וואָס דאַרף מען די באַפּוצונגען, זאָגט אים גאָט: עס וועט קומען רבי עקיבא און וועט אויף אָט די אַלע באַפּוצונגען דרשענען תורות אָן אַ סוף. אַזוי האָבן די חז"ל געהאַלטן פון רבי עקיבאַן.

איז אָבער רבי עקיבא אַריינגעפאַלן צו די רוימער אין די הענט און זיי האָבן אים געמאַטערט, ווי די רוימער האָבן געקענט. געריסן שטיקער פלייש פון לעבעדיקן גוף. האָבן יידן געשריגן צו גאָט: „זו תורה וזה שכרה?" אַזוי באַצאָלסטו, גאָט, דעם גרויסן רבי עקיבא? און ווען גאָט קען ניט ענטפערן, ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן, זאָגט ער „גזרה היא מלפני"! אַזוי איז די גזרה און פאַרפאַלן! גאָט אַליין קען ניט ענדערן די גזרה! פאַרפאַלן! און דער גרויסער רבי עקיבא קען ניט שלום מאַכן מיט רוים. געפינט ער אַ יידישן העלד, שמעון בר־כוכבא, און ער הייבט אָן אַן אויפשטאַנד קעגן רוים. אַן אומגליק: גרויס איז געווען רבי עקיבא אין גאָטס תורה, אָבער ניט אין מלחמות. דער אויפשטאַנד איז געפאַלן און רבי עקיבא באַקומט זיין רוימישע שטראָף. אומגעקומען איז רבי עקיבא, דער גרעסטער תנא פון זיין צייט, און דאָס יידישע פאָלק האָט אים באַשאַנקען מיט אַ סך אגדות. ער איז געבליבן ביים פאָלק אויף דור דורות. חרוב איז די פּאַרצייטיקע רוים. רבי עקיבא איז געבליבן „עד אחרון היהודי" אונדזער העלד.

## יבנה במקום ירושלים

האָט זיך אַרויסגעגנבעט רבי יוחנן בן זכאי פון ירושלים ערב איר חורבן און איז אַוועק קיין יבנה, יענץ קליין דערפל יבנה. און דער גרויסער רוימישער מלחמה העלד האָט זיך געטראַכט: אַט די יידן! אַ מאָדנע פאָלק די יידן. זייער ירושלים ווערט חרוב, גייט דער גרויסער תנא קיין יבנה מתקן זיין תקנות במקום ירושלים! ווילסט יבנה, נעם זיך עס. איך דאַרף דיין ירושלים, ניט קיין דערפל יבנה... שפּעטער איז רוים געלעגן אין חורבות, נאָר אומעטום ווו עס זיינען געווען אַ ביסל יידן האָט מען געלערנט אַ בלאַט גמרא. איין מאָל אויפן וועג קיין ארץ ישראל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין רוים. אַ פירער האָט דערציילט די גבורות פון רוים. ער האָט אַריינגעפירט אַ גרופּע טוריסטן אין אַ פאַרצייטיקן צירק. איך בין אַרויס. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, עס שמעקט מיט בלוט, בלוט פון די רוימישע גלאַדיאַטאָרן. מוחל. איך האָב אויפן עולם געוואַרט אין דרויסן. מיט וואָס פעלקער באַרימען זיך אַלץ!

אַזוי איז געווען די לאָגיק פון חז"ל:

הלכה במקום מלוכה און יבנה במקום ירושלים. ווער איז געווען גערעכט? רוים האָט חרוב געמאַכט ירושלים. איז זי טאַקע געבליבן חרוב? הייבט זיך גאָר ניט אָן. „פּאַרט אַ ייד קיין ארץ ישראל, פּאַרט ער איינגעבויגן", פּאַרט אַ ייד פון ארץ ישראל מיט אַ געהויבענעם קאָפּ. איז ירושלים מלכתחילה געווען געבויט ווי אַ הייליקע שטאָט? הייבט זיך ניט אָן. ירושלים איז לכתחילה געווען אַ יבוסי־שטאָט מיט אַלע אומווערדיקייטן ווי אַלע אַנדערע שטעט. איז זי אַריינגעפאַלן צו די יידן, האָבן יידן זי געמאַכט פאַר אַ הייליקייט פאַר מער ווי אַ האַלבע וועלט. און ירושלים האָט אין אירע חורבות געוואַרט אויף אירע יידן זיי זאָלן זי צוריק מאַכן פאַר אַ שטאָט. יידן אָן ירושלים זיינען ניט קיין פאָלק, ירושלים אָן יידן איז ניט קיין הייליקע שטאָט. האָבן יידן ניט געהאַט קיין הייליקע שטאָט, האָבן יידן עטלעכע מאָל אין טאָג נאָך יעדער עסן געבעטן: „ולירושלים עירך ברחמים תשוב". האָט דאָס אויפ־אויפגעהאַלטן די אייביקייט פון פאָלק און די הייליקייט פון דער שטאָט. איז דאָס רעליגיע? זיכער! דער אַנדענק פון ירו־שלים איז געוואָרן אַ טייל פון דער יידי־שער רעליגיע. האָבן יידן די גאַנצע צייט פון לאַנגן גלות געלעבט מיט דעם זיכרון ירושלים, געלעבט מיט דעם אַנדענק פון ירושלים עיר הקודש.

## געענדיקט מיט דער יידישער מדינה

האָט זיך אָנגעהויבן דער לאַנגער יידי־שער גלות. אַלע לענדער זיינען אונטער רוימישן יאָך. רוימישע שיפן גרייכן אור־מעטום. ניט בלויז דאָס לאַנד יהודה איז חרוב געוואָרן. אויך ירושלים איז חרוב געוואָרן. דער גאַנצער פריערדיקער איינ־שטעל איז חרוב גוועאָרן. אַנשטאָט די מלוכה איז אויפגעקומען די הלכה, אַן אַנדער יידישקייט. ישיבות אַנשטאָט מילי־טערישע שולן, חז"ל במקום גענעראַלן, יבנה במקום ירושלים, די ערדישע ירו־שלים. כל זמן עס וועלן גילטן די תקנות פון חז"ל וועט זיין דאָס פאָלק, און אַז דאָס פאָלק וועט לעבן דאַרף מען ניט קיין ירו־שלים פון שטיין. איז ירושלים געבליבן אין אַ תפילה: „ולירושלים עירך ברחמים תשוב". איז ירושלים געבליבן די גאַנצע צייט פון לאַנגן גלות אין האַרצן פון יידן. כל זמן די גייסטיקע ירושלים לעבט אין האַרצן פון יידן איז ניטאָ קיין ספק — ירושלים לעבט! ניט די ערדישע נאָר די שבלב. און זי איז אייביק און אייביקער. „רק עם אחרון היהודי"— ירושלים קען חרוב ווערן „רק עם אחרון היהודי."

## יבנה וחכמיה

דער גרויסער רוימישער העלד האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאַרף אַזוי יוחנן בן זכאי דאָס שטעטל יבנה. ירושלים ווערט באַלד חרוב, דאַרף ער יבנה. ווילסט יבנה — נעם זיך דיר. רוים דאַרף דיין ירושלים ניט קיין דערפלעך דאָרטן. איז אַוועק יוחנן בן זכאי קיין יבנה און מתקן געווען תקנות, תקנות פון אייביקער יידישקייט. אַ נייע יידישקייט, אָן אַ מדינה, אָן אַ קיי־סער, אָן קרבנות. אַ יידישקייט פון תפילות, אַ יידישקייט פון רייד, פון זאָגן. רוים מיט אירע העלדישע אַרמייען זיינען חרוב געוואָרן און די תקנות פון יוחנן בן זכאי זיינען געבליבן. וואָס זיינען די תקנות?

ערשטנס, גאָט באַצאָלט איטלעכן יידן און ניט נאָר דעם כלל, דאָס יידישע פאָלק ווי אַזאַ.

האָט ירמיהו הנביא נאָך געפרעגט: „מדוע דרך רשעים צלחה? שלו כל בוגדי בגד?" ער האָט נאָך ניט געוווּסט פון דעם תירוץ — „יענע וועלט". ניטאָ אין גאַנץ תנ"ך אַ „יענע וועלט". זי איז אויפגעקומען ערשט אין צייט פון צווייטן בית המקדש. דער גן־עדן און גיהנום וועלן קומען נאָכן טויט, „אויף יענער וועלט." „גן בעדן מקדם" איז יאָ דערמאָנט אין חומש, אָבער עס מיינט אַ באַשטימט אָרט אויף דער ערד. גיהנום איז מסתמא געווען דאָס אָרט ווו מען פלעגט וואַרפן דאָס מיסט פון ירושלים. אפשר? דער אויפ־געקומענער גלויבן אין יענער וועלט האָט געהאָלפן אויסהאַלטן יידישקייט אויף דער וועלט. דערביי איז אַריינגעטראָגן געוואָרן איין קאָרעקטיוו: דער שכר, דער אָפּצאָל, וועט קומען ניט נאָר דעם גאַנצן פאָלק נאָר יעדן יידן באַזונדער. כלל פאָלק פאַר־לירט זיין באַטייט. ניטאָ די מלוכה, ניטאָ